# תורה, תורה הקדושה...

די באקאנטע כת הזייפנים, האבן במשך דעם גאנצן לעצטן יאהר, וואך נאך וואך, געהאלן כסדר אין איין פעלשן דעם "דעת רבותינו" זכרונם לברכה, מיט דעם ציל צו וואשן, פארטושן און פארסאמען אונזערע מוחות, אזוי ווי עס האט געטוען דער ראש המשכילים אין גאליציע בדורו "יוסף פערל" שר"י פון טארנאפאל, וואס ער איז געווען דער וואס האט באשאפן דעם מעטאדע פון מאכן פאלשע מכתבי תורה וחסידות, אלץ א וואפן זיך צו שלאגן מיט די גדולי התורה והחסידות פון זיין דור (אזוי ווי הרה"ק מוהרצ"ה מזידיטשויב, מוהר"ם מפרעמישלאן, מוהר"י מרוזין ועוד ועוד זי"ע) כדי ער זאל קענען דערמיט ארײנדרונגען די טמא'נע "השכלה" אין אידישן פאלק.

די וואך פ' תולדות, האבן זיינע היינטיגע נאכפאלגערס זיך גענומען די חוצפה צו זיין בבחינת "תלמיד המחכים את רבו". זיי זענען ארויף מיט זייערע זויפים אויף אזא הויכע מדרגה, אז אפילו זייער לערער און וועג-ווייזער יוסף פערל ימ"ש, האט אין זיין לעבן אזוינס זיך נישט געטרויט צו טוען. זיינע היינטיגע נאכפאלגערס באגענוגן זיך שוין נישט בלויז מיט פעלשן "דעת תורה", נאר זיי וואגן זיך שוין צו פעלשן די "תורה הקדושה" אליין... רחמנא ליצלן.



Portrait of Joseph Perl
from an engraving made in Lemberg
*Note the head-covering and untrimmed earlocks indicating traditional Jewish observance* *Note also the medals*

נאך זייער וואנדאליזעם פון צוויי וואכן צוריק, ווען מ'האט געכאפט דעם איש משחית וחבריו ביים ברעכן א פאר לחי'ס פונעם עירוב, און דער גאנצער שטאט איז שרעקליך אויפגעברויזט געווארן אויף דעם דאזיגן אנטיסעמיטישן אקט, האבן זיי ארײנגעשטעלט א מודעה אין די צייטונגען (וואס אזוי ארום מיינען זיי אז דאס איז שוין נישט בגדר פאשקעוויל, ווייל זיי שרייבן דאך נישט קיין פאשקעווילן...) ווי זיי פראבירן צו שאפן ביים ציבור א מיינונג, אז מען מעג רייסן אן עירוב, און אפשר איז עס גאר א מצוה, און ווער עס פארשטייט אנדערשט, איז זיין דעת נישט מער ווי א "דעת בעל הבית היפך דעת תורה"...

די כת הזייפנים האבן זיך נישט באגענוגט מיט אנצייכענען נאר "מראי מקומות הלכה למעשה", ווייל זיי האבן מורא געהאט אפשר וועלן זיך די צייטונג לייענערס מטריח זיין נאכצוקוקן די גמרא, און וועלן ח"ו גלייך כאפן זייערע שווינדלרייען. זענען די זייפנים געקומען אויף א גאון'ישע המצאה, יא צו דרוקן די לשון הגמרא, אבער ענדיגן דעם לשון הגמרא פונקט דארט ווי עס לוינט זיי, כדי ס'זאל אויסקוקן כאילו דא ענדיקט זיך דער ענין, האפענדיג אז אזוי ארום וועט דער אויפגעברויזטער עולם בארואיגט ווערן דורך די דאזיגע "מראי מקומות" און מוחל זיין פאר זייערע וואנדאליזם.

עס איז זעהר פאסיג דא דער לשון פון איינער פון די גדולי הקדמונים וואס דער בית יוסף ברענגט איהם כסדר, דער מהר"י קולון, וואס ער שרייבט אין זיין שו"ת מהרי"ק (סימן קעא) "ואוי לו שהוא מזייף דברי הפוסקים כדי לגלות פנים בתורה שלא כהלכה, וגדול עונו מנשוא, ועוד גילה דעתו החסרה, <u>דמאי אהני ליה רמאה ברמאותיה וזייפנ' בזייפנותיה</u>". איז דאך א כל שכן וק"ו אז די הייליגע ווערטער זענען געזאגט געווארן אויף א רמאה וזייפנא אין אפענע הייליגע גמרא'ס.

הני בבלאי טפשאי, וואס גלייך נאך זייער רייסן אקציע האבן זיי זיך געקרוינט מיטן טיטול "אברהם אבינו מאור כשדים", און גלייך ווי זיי האבן דערפילט די היטס פונעם קאלעך אויבן, האבן זיי פראבירט אפצוקילן די לופט מיט די בלעטלעך "אשריך ר' נפתלי <u>שהעלילו עליך</u>". און ווידער די וואך האבן זיי געהאט די עזות וחוצפה זיך צו פארמעסן אלץ בר פלוגתא פון דער אמורא "ר' נחמן" (שהלכה כמותו עי"ש עירובין י"א:) מיט זיך אהער שטעלן אלץ "ר' גדא" דער שמש פון "ר' ששת" וואס נאך זיין צוברעכן דעם לחי ביים ריש גלותא, האט מען איהם איינגעשפארט אין תפיסה. עיין שם, ווייל דעם דאזיגן "סוף העובדא" ווערט צענזורירט פון דעם לשון "מראי מקומות להלכה למעשה".

עס איז אבער אינטרעסאנט, אויב ער איז טאקע "ר' גדא", פארוואס באהאלט זיך זיין "ר' ששת" וואס האט איהם געשיקט? לשיטתם אז "דעת תורה" (נישט חלילה ווי "דעת בעל הבית") זאגט אז מ'מעג - אדער גאר מ'דארף - רייסן עירובין, פארוואס שעהמען זיך די דאזיגע בעלי "דעת תורה" ארויסקומען מיט א "גילוי דעת", מגלה זיין ווער איז דאס דער רב אדער מו"צ וואס חתמ'ט אויף אזא סארט "דעת תורה"?

א גרויסן יישר כח קומט פאר נשתלי פיגל פאר אונז צופירן צו אזא טרעפליכען "מראה מקום להלכה למעשה", אז ווער עס ברעכט א לחי פון אן עירוב, דארף מען איהם אריינזעצען אין תפיסה, און איהם לאזן דארט שמאכטן ביז זיין "ר' ששת" וועט איהם קומען ארויסנעמען! א בפירוש'ע גמרא!!

ווי פאסיג זענען די ווערטער פונעם ריש גלותא, וואס די כת הזייפנים האבן פון אונז פארהוילט ביי זייערע צווייטע "הלכה למעשה'דיגן מראה מקום" (עירובין כ"ה:) ביי די עובדא מיט'ן "אבורנקא דהוי ליה לריש גלותא בבוסתניה", אויף דיע וואס האבן געטשעפעט דעם עירוב: "חכמים המה להרע" (ווי רש"י טייטש: להרע, "לאסור") "ולהיטיב לא ידעו"... איז דען א וואונדער אז זיי האבן נישט מעתיק זיין די גאנצע גמרא נאר געבליבען שטיין אינדערמיט... וויבאלד אונזערע בארא פארקער עירוב-רייסערס קענען ביי זיך נישט פועל'ן מודה זיין על האמת, ווי קענען זיי מעתיק זיין די גאנצע גמרא ווי ס'שטייט אז דיע וועלכע האבן געטשעפעט דעם עירוב, האבן חרטה געהאט דערויף, און זיך נישט געשעהמט מודה זיין אויף זייער טעות.

לשיטתם פון זייער "דעת תורה", קען מען אפלערנען פון די גמרא א "הלכה למעשה", אז ווען דער תיקון העירוב איז איבעריג, דער טלטול איז מותר אפילו אן דעם דאזיגן תיקון, דעמאלסט דארף מען גאר גיין און צורייסען דעם עירוב... לשיטת הגאונים (וועלכע רש"י נעמט אן ל"עיקר", עי"ש) האט זיך דארט ביי די "אבורנקא" געהאנדעלט מיט א תיקון וואס איז אינגאנצען געווען איבעריג, און דעריבער האט מען עס געטשעפעט. נו, אויב אזוי, וויבאלד בארא פארק איז ארום גענומען מיט 4 גאנצע מחיצות און איז א רשות היחיד גמור, איז דאך דער עירוב טאקע איבעריג, און לויט זייער "מראה מקום הלכה למעשה" דארף מען איר גאר ארונטער רייסן...

והעולה על כולנה, דער דריטער "מראה מקום הלכה למעשה" זייערע (עירובין ע"ד.), ביי די מעשה מיט "איבות בר איהי", ווי די גמרא ערקלערט קלאהר, אז נאכדעם וואס דער מציאות אויף וואס דער היתר פונעם אלטן עירוב איז דערויף געווען געבויט, איז נשתנה געווארען, און מען האט דארט קיין עירוב מער נישט געקענט האבן, האט מען עס פארשטייט זיך אראפגענומען, פון אט די גמרא לערנען זיי אן "הלכה למעשה" אז אונזער עירוב אין בארא פארק וואס ס'שטייט ע"פ הוראות גדולי בעלי הוראה, מעג מען צורייסן... וואס פאר א פינצטערער עם-הארץ דארף מען זיין צו קענען ברענגען אזא ראי' לנידון דידן...

וואו זענען די רבנים וואס זענען מפקח אויף די צווי ציטונגען וואס האבן אריינגענומען די דאזיגע "מראי מקומות להלכה למעשה"? מילא אויף די "נייעס באריכט" וואס האט פאריאהר מפרסם געווען, במשך וואכן לאנג, געפעלשטע "דעת תורה'ס" מיט די פאברעצירטע מעשיות'לעך פון י.מ.ס. איז קיין וואונדער נישט. די גמרא זאגט דאך שוין (מסכת סנהדרין דף צט:) "מגלה פנים בתורה כגון מאי? - כגון 'מנשה'..." אבער אויף די אנדערע צווי חרדישע ציטונגען איז דאך יא א קשיא, די ציטונגען פארקויפען דאך פאר'ן ציבור אז ס'איז פארהאנען א "וועד" פון "רבנים" וואס איז מפקח אויף זיי. וואו און ווער זענען די רבנים וואס האבן אדורך געלאזט אזעלכע גאון'ישע ראיות "הלכה למעשה"...

אויב ווי זיי פארקויפן אונז, אז ס'איז פארהאנען "רבנים" וואס מיט זייער "דעת תורה" פארשטייען צו ברענגען אזעלכע גאונ'ישע 3 "מראה מקומות הלכה למעשה", פארוואס רייסט זייער "ר' גדא" אונזער בארא פארקער עירוב אין מיטען די טינקעלע נאכט, און ווען מ'כאפט איהם, הייבט ער פיס און ל ו י פ ט . . . פארוואס שטעלט זיך נישט אויף זיין "רב" אינמיטן טאג, לעיני עם ועדה, מקיים זיין די דאזיגע מצוה פון צוברעכען צורת הפתחים... ס'איז דאך א בפירוש'ער ציטונג (נישט קיין פאשקעוויל חלילה) אז ווער עס פארשטייט אנדערשט איז "דעת בעל הבית היפך דעת תורה"... פארוואס טאקע האט הגה"צ רבי יוסף חיים זאנענפעלד זצ"ל אליין נישט געטוען אין ירושלים דער "מעשה רב" פונעם גר"א ז"ל אין קידזאן? און פארוואס הערט מען נישט אז די "בריסקער" - וואס זענען אזוי מחמיר נישט צו טראגן אפילו א טלית קטן אום שבת - זאלן האבן צוריסן דעם עירוב אין ירושלים...

אונזערע "מראי מקומות הלכה למעשה" לערנען אונז, אז אין א צייט וואס ווערט נתפשט אזוי פיהל גילוי "פנים בתורה שלא כהלכה" בעולם, מיט די גרעסטע מאס מינות וכפירה בדברי חכמינו ז"ל יסוד התושבע"פ, דייקא אין אזא זמן, זענען מיר מחוייב, אלץ "תשובת המשקל", ארויס צו ווייזען אונזער "אמונה טהורה" בדברי חז"ל, און מטלטל זיין מיט'ן עירוב, נישט נאר "בצינעא", נאר "בפרהסיא" דייקא, על דרך ווי חז"ל האבן אונז געלערנט כמה וכמה ענינים וואס מיר דארפן צו טוען כדי "להוציא מליבן של הצדוקים". ווי מער ס'ווערט נחשף דאס אפיקורסות און כל מיני פעלשונגען אין אונזער הייליגע תורה - וואס זייט די צדוקים און די קראים, און זייט יוסף פערל ימ"ש'ס צייטן, איז נאך אזוינס נישט געווען אויף דער וועלט - אלץ מער און מער זענען מיר מחויב ארויס שרייען אז מיר זענען "מודים בעירוב"... כדי "אפרייסן" דאס כפירה ומינות פון אונזערע גאסן אין בארא פארק.

עש"ק לסדר "קצתי בחיי מפני בנות ח" תשמ"א לפ"ק

**הכואבים והמוחים בכל התוקף על חילול תורתינו הק' וחכמיה ז"ל**